אויג. אויב דעריבער דיין אויג איז געזונט, וועט
23 דיין גאַנצער גוף זיין ליכטיק. ווען אָבער דיין
אויג איז בייז, וועט דיין גאַנצער גוף זיין פינסטער.
דעריבער אויב דאָס ליכט, וואָס איז אין דיר, איז
4 פינסטער, ווי גרויס איז די חשכה! קיינער קען
נישט דינען צוויי הערן; וואָרום אָדער ער וועט
דעם איינעם פיינט האָבן, און ליב האָבן דעם
אַנדערן, אָדער ער וועט זיך האַלטן ביי איינעם,
און דעם אַנדערן פאַראַכטן. איר קענט נישט דינען
5 ג-ט און ממון. דערפאַר זאָג איך אייך: זאָרגט נישט
פאַר אייער לעבן, וואָס איר זאָלט עסן, אָדער וואָס
איר זאָלט טרינקען; און אויך נישט פאַר אייער
גוף, וואָס איר זאָלט אָנטון. צי איז דען נישט דאָס
לעבן מער ווי די שפּייז, און דער גוף מער ווי די
6 קליידונג? קוקט אויף די פייגל פון הימל, אַז זיי
זייען נישט, און שניידן נישט, און זאַמלען אויך
נישט אין שייערס אַריין; און אייער הימלישער
פאָטער שפּייזט זיי. צי זענט איר דען נישט פיל
7 מער ווערט ווי זיי? און ווער פון אייך זאָרגנדיק,
8 קען צולייגן אַן איילן צו זיין געוואוקס? און פאַרוואָס
זאָרגט איר זיך וועגן אַ מלבוש? לערנט זיך אַראָפּ
פון די ליליעס פון פעלד, ווי זיי וואַקסן; זיי אַרבעטן
9 נישט און שפּינען נישט; איך זאָג אייך אָבער, אַז
שלמה מיט זיין גאַנצער פּראַכט איז נישט געווען
0 אַזוי אָנגעטון, ווי איינע פון די דאָזיקע. און אויב
ג-ט קליידט אַזוי אָן דאָס גראָז פון פעלד, וואָס
היינט איז עס דאָ, און צומאָרגנס ווערט עס געוואָרפן
אין אויוון אַריין, וועט ער דען נישט פיל מער אייך
1 (קליידן), איר קליינגלויביקע? דעריבער זאָלט איר
נישט זאָרגן, אַזוי צו זאָגן: וואָס וועלן מיר עסן,
אָדער וואָס וועלן מיר טרינקען, אָדער מיט וואָס